בעזהשי"ת

# דברי חיזוק

## פרשת נצבים – וילך

**אמרי אמת** - מיר זענען פארזיכערט אז דער אויבערשטער וועט אונז אנשרייבן א גוט יאר! [עמוד ג]

**רביה"ק מסאטמאר** - זיך נישט רידן קיין טראפ פון די פריערדיגע דורות – דאס ברענגט אלע ברכות [עמוד ד]

**תפארת שלמה** - אויב דאס קומט דיך אן שווער, איז א סימן אז דוקא צוליב דעם ביסטו אראפגעקומען אויף דער וועלט! [עמוד ו]

**שפת אמת** - דו האסט א פנימיות'דיגע הייליגע פינטעלע וואס קען זיך קיינמאל נישט רירן!! [עמוד ח]

**הרה"ק מאיזשביצא** - נאר דער אמת האט א קיום! [עמוד ט]

**חת"ם סופר** - ס'איז נישטא אזא מציאות, אז א איד איז נישט חשוב! [עמוד י]

**נועם אליעזר** - זיי מכניע דעם יצר הרע ווען דו ביסט נאך יונג! [עמוד י]

**שפת אמת** - דורך יעדע מצוה וואס דו טוסט, ביסטו ממשיך אויף דיר א געטליכער כח פון קדושה! [עמוד יא]

**ליקוטי הלכות** - דער אויבערשטער פאדערט נישט פון דיר קיין גרויסע עבודות, דו דארפסט בלויז ארויפגיין א קליין ביסל העכער פון דיין יעצטיגע מדריגה! [עמוד יג]

**בית אהרן** - מיט יעדע ריר וואס דו טוסט פארן אויבערשטן - שאקלסטו וועלטן!! [עמוד טז]

**תודת אמת** - די איינציגסטע זאך וואס ליגט אויף דיר – זיך צו שטארקן אין 'רצון'! [עמוד יז]

**בן איש חי** - ס'איז דיר שווער צו לערנען? וועסטו באקומען מער שכר! [עמוד יח]

**שפת אמת** - אז דו שפירסט נישט דעם אויבערשטן – לערן תורה! [עמוד יט]

**דגל מחנה אפרים** - ס'זעט דיר אויס אוממעגליך זיך צו דערנענטערן צום אויבערשטן באמת? באשליס אז דו וועסט אריינטאנצן מיט מסירות נפש, וועסטו זען אז אלעס איז א בלויזער דמיון! [עמוד כא]

**תפארת שלמה** - דער שורש פון אלע צרות איז בלויזע רחמים! [עמוד כד]

**שפת אמת** - א איד האט קיינמאל נישט קיין שלעכטס! [עמוד כה]

**דגל מחנה אפרים** - דיינע אלע פארפוילטע חלקים קענען ווערן איבערגעדרייט צו גוטס! [עמוד כו]

**בית אהרן** - די עבודה פון ראש השנה - שרייען צום אויבערשטן פון טיפעניש פון הארץ! [עמוד כח]

**הרה"ק מריזשין** - באשעפער! מיר קענען נישט אראפשלינגען דעם חילול כבוד שמים! [עמוד כט]

**הרה"ק מהרשד"י מסלאנים** - לעבן מיט שמחה און בטחון – דער אויבערשטער פארשטייט בעסער פון מיר וואס איז גוט פאר מיר! [עמוד ל]

**חידושי הרי"ם** - חודש אלול איז א מתנה, א צייט זיך צו קענען גרייטן פאר ראש השנה [עמוד לב]

**חידושי הרי"ם** - לויט וויפיל א מענטש אנערקענט אין זיין שפלות - איז ער זוכה דערנענטערט צו ווערן צום אויבערשטן [עמוד לג]

צו זיך איינשרייבן צו באקומען וועכנטליך די גליון

רופט / טעקסט / אימייל צו מכון דברי חיזוק אויף **845-886-0123**

ווי אויך פאר סיי וועלכע הערות, הצעות אדער אנדערע קענט איר לאזן א מעסעדזש אויפן סיסטעם אדער שיקן א אימייל צו

dc8458860123@gmail.com

לזכר ולעילוי נשמת נפש נקי וצדיק ספרא רבא מעתיק ומלבן הקונטרסים
הרב ר' יוסף זצ"ל ב"ר אברהם שמואל יהודא שליט"א
ת.נ.צ.ב.ה.

## פרשת נצבים

## - א -

**מיד זענען פארזיכערדט אז דער אויבערשטער וועט אונז אנשרייבן א גוט יאר!**

הרה"ק רבי לייבעלע אייגער זי"ע שרייבט: די פרשה פון 'נצבים' ליינט מען אלעמאל א שבת פאר ראש השנה. דער טעם דערפון איז, ווייל דאס ווארט 'נצבים' ווייזט אויף א פעסטקייט, צו שטיין באלאנסירט און אוועקגעשטעלט מיט א שטארקקייט (אזוי ווי מען זעט אין פילע פסוקים, זע במדבר טז, כ; און נאך). דעריבער ליינען מיר די סדרה פאר ראש השנה, כדי צו שטארקן אונזערע הערצער מיט א געוואלדיגע בטחון, אז דער אויבערשטער וועט אונז זיכער אנשרייבן א גוט יאר, ווייל מיר האבן א פעסטע און פארזיכערטע 'שטאנד' פארן אויבערשטן[א].

---

[א] וזל"ק (אמרי אמת, נצבים, שנת תרל"ה, סעודה שניה): אתם נצבים היום כולכם וגו'. הפרשה הזו קורין תמיד בשבת קודם ר"ה כי תיבת נצב שרשו על העמדה בתוקף ועוז כמו שנמצא לעו"ז בהיפוך יצאו נצבים, ויתייצב ארבעים יום דגלית המורה על תוקף גדול וכן לעו"ז בקדושה נאמר (בפ' בשלח) אל תיראו התייצבו וגו'. וכן במ"ת ויתייצבו וגו', וכן בכאן מורה ענינו לחזק לבינו בבטחון גדול להימים הבאים שהם ימי משפט לבטוח בה' שיוציא משפטינו לאורה, כי יש לנו העמדה וקיום לפני ה' אלהיכם וכענין שנאמר באאע"ה דייך שאני פטרונך.

# - ב -

## זיך נישט דידן קיין טראפ פון די פריעדדיגע דורות – דאס ברענגט אלע ברכות

אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם כֻּלְּכֶם לִפְנֵי ה' אֱלֹקֵיכֶם רָאשֵׁיכֶם
שִׁבְטֵיכֶם זִקְנֵיכֶם וְשֹׁטְרֵיכֶם כֹּל אִישׁ יִשְׂרָאֵל (כט, ט)

איר אלע שטייט דעם היינטיגן טאג פארן אויבערשטן אייער באשעפער, די הויפטן
פון אייער שבטים, אייערע זקנים, שוטרים, און יעדער אידישער מענטש

מרן רביה"ק מסאטמאר זי"ע ערקלערט: דער פסוק קומט צו לערנען, אז אין די שפעטערע דורות זאל מען נישט זאגן, אז היינט איז שוין נייע צייטן, און מ'קען זיך מער נישט פירן ווי אמאל. דעריבער זאגט דער פסוק: "אתם נצבים היום", אז אין דעם זעלבן מצב וואו די אידן זענען געשטאנען דעם דעמאלטסדיגן טאג, ווען אלע זענען געשטאנען פאר משה רבינו, און ער האט זיי באשוואוירן צו מקיים זיין די תורה, און ער האט זיי געבענטשט; דאס אלעס ציעט זיך ווייטער אן קיין שום טויש "כל איש ישראל" - פאר יעדן איד, אין יעדער צייט, עד סוף כל הדורות, ווייל די תורה וועט זיך נישט טוישן אין קיין פאל אין דער וועלט.

ווען אידן זענען מקבל אויף זיך דעם 'עול מלכות שמים' און דער 'עול' פון תורה און מצוות פונקט ווי מיר האבן מקבל געווען אויף זיך ביי יענעם מעמד, דאן וועלן מיר זוכה זיין, אז עס זאלן קומען אויף אונז, אלע ברכות וואס משה רבינו האט דאן געבענטשט כלל ישראל, וואס דער פסוק רעכנט אוים אין פרשת וזאת הברכה.

לויט דעם פארשטייט מען די ווערטער פונעם זוהר הקדוש (פינחס רלא.), אז דאס ווארט 'היום' פון דעם פסוק איז מרמז אויף ראש השנה, ווייל ראש השנה איז א טאג וואס מיר זענען ממליך דעם אויבערשטן אויף זיך, און מיר נעמען אויף זיך - צו זיין אונטערגעווארפן אונטער דער 'מלכות' פונעם אויבערשטן, דעריבער איז דער ענין פון ראש השנה מרומז אין דעם ווארט 'אתם נצבים היום', ווייל דאן אין יענע מינוטן האבן אידן אויך מקבל געווען אויף זיך דער 'מלכות' פונעם אויבערשטן עד סוף כל הדורות, וואס דאס איז גענוי דער זעלבער ענין פון ראש השנה[ב].

---

[ב] וזל"ק (דברי יואל, תניינא, עמ' קיג): וזהו שאמר אתם נצבים היום וגו' כל איש ישראל, שבא להורות שלא יאמרו הדורות האחרונים שנשתנו העתים ונתחלפו הזמנים ולכן אמר להם אתם נצבים היום וגו' דבאותו בחינה שנמצאו אז ביום ההוא כשעמדו כולם לפני משה ונכנסו בברית ה' ובאלתו וזכו לקבל ברכתו של משה רבינו בזאת הברכה אשר בירך אותם לפני מותו הרי אזהרה זו נמשכת והולכת בלי שום שינוי לכל איש ישראל היינו לכל הדורות העתידים להיות עד סוף כל הדורות וזאת התורה לא תהא מחולפת כי יש לנו אב זקן הוא לא נשתנה ולא ישתנה. וכאשר מקבלים עומ"ש ועול התורה והמצות כפי מה שקבלנו עלינו אז במעמד הלזו יחד שבטי ישראל אז נזכה גם שיחולו גם עלינו ברכות משה רבינו. וז"ש בזוה"ק (ח"ב ל"ב ע"ב) היום דא ראש השנה דהנה בר"ה אנו ממליכים עלינו את השי"ת, ולכן רמוז הענין באתם נצבים היום וגו' שאז קבלו עליהם בני ישראל את מלכותו ית"ש עד סוף כל הדורות.

**- ג -**

**אויב דאס קומט דיך אן שווער, איז א סימן אז דוקא**

**צוליב דעם ביסטו אראפגעקומען אויף דער וועלט!**

**אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם כֻּלְּכֶם לִפְנֵי ה' אֱלֹקֵיכֶם רָאשֵׁיכֶם**

**שִׁבְטֵיכֶם זִקְנֵיכֶם וְשֹׁטְרֵיכֶם כֹּל אִישׁ יִשְׂרָאֵל** (כט, ט)

**איר אלע שטייט דעם היינטיגן טאג פארן אויבערשטן אייער באשעפער, די הויפטן**

**פון אייער שבטים, אייערע זקנים, שוטרים, און יעדער אידישער מענטש**

דער הייליגער **תפארת שלמה** זי"ע פרעגט, לכאורה איז דאס ווארט "כולכם" איבריג, ווייל דער פסוק שמועסט דאך שוין אליין אויס ווייטער "כל איש ישראל"?

נאר א מענטש דארף זיך מעורר זיין זיך צו מתבונן זיין גרונטליך אויף אלע זיינע וועגן און אלע זיינע ענינים פון גרויס ביז קליין צי מ'דארף זיך טאקע אזוי פירן, און ער דארף צולייגן קאפ צו פארשטיין צוליב וואספארא ענין ער איז אראפגעקומען אויף דער וועלט צו פאררעכטן אין דעם גלגול, וואס ער האט דאס נישט פאררעכטן אין די פריערדיגע גלגולים, און אין דעם ענין דארף ער ספעציעל משקיע זיין.

עס זענען דא אסאך מענטשן וואס טוען אסאך מצוות און מעשים טובים, און מיט דעם אלעם זענען זיי נישט זוכה צו פאררעכטן דאס וואס זיי האבן פוגם געווען אין די פריערדיגע גלגולים, וואס דאס איז זייער עיקר תכלית אויף דער וועלט. ווייל צומאל איז דא א מענטש וואס איז אראפגעקומען אויף דער וועלט, צו מתקן זיין דעם ענין פון צדקה, און ער גייט און לייגט זיך אריין בלויז אין תורה, אדער אין אן אנדערע מצוה, קומט אויס, אז ער האט נישט אויסגעפירט זיין עיקר עבודה וואס ליגט אויף אים. דאס

# דברי חיזוק פון אונזערע צדיקים

נצבים – וילך

זעלבע אויב דארף ער פארעכטן דעם ענין פון לערנען תורה אדער צו לערנען קבלה, און ער איז נישט עוסק אין דעם, וועט ער מוזן נאכאמאל מגולגל ווערן אויף דער וועלט, כדי צו מתקן זיין דעם ענין, און אזוי ווייטער מיט אלע מצוות.

דער וועג וויאזוי א מענטש קען וויסן וועלכע מצוה ליגט אויף אים צו פאררעכטן איז, אז ער זאל מאכן א חשבון וועלכע מצוה דער יצר הרע רעדט אים איין עובר צו זיין דערויף, מער ווי אלע אנדערע; אט די מצוה איז ער געקומען פאררעכטן אויף דער וועלט.

דאס איז מרומז אין דעם פסוק: "אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם כֻּלְּכֶם" - דער מדרש זאגט (זע פסיקתא רבתי, מא) אז דאסווארט "היום" פון דעם פסוק, גייט ארויף אויף ראש השנה, און דער פסוק זאגט, אז דאן דארף מען זיכער מאכן זיך צו שטעלן פארן אויבערשטן "כולכם" - אינגאנצן, דאס מיינט, אז מען זאל זיך גוט מתבונן זיין אין אלע זיינע מעשים, און אין אלע זיינע איברים פון קאפ ביז פיס, און זיך אנגרייטן אז ער זאל זיין א גאנצער מענטש אין אלע ענינים, זיך צו קענען שטעלן פארן אויבערשטן אינגאנצן אן קיין שום פגם אין קיין שום מצוה חלילה[ג].

[ג] וזל"ק (תפארת שלמה, נצבים): א"י אתם נצבי' היום כולכם כו' לעברך בברית. להבין מלת כלכם ואח"כ מפרש ומסיים כל איש ישראל לכאורה מיותר. אמנם הנה כתי' ומלתם את ערלת לבבכם וכו' אשר לא ישא פנים ולא יקח שחד. דהנה צריך כל האדם להתבונן ולשום עין על כל דרכיו ועניניו מקטן ועד גדול על מה בא בגלגול הזה לתקן את אשר פגם בראשונה. כי יש הרבה בני אדם העושי' צדקות ומעש"ט ועכ"ז אינם מגיעים לתיקון פגם הגלגול הקודם להשלים יצירתו מראש ועד עקב. כי לפעמים בא האדם לעוה"ז לתקן מדת הצדקה והוא עוסק בתורה ובמצוה אחרת א"כ לא יצא י"ח. וכן אם בא לתקן ענין תלמוד תורה או לימוד קבלה והוא פונה לבו מזה בע"כ יצטרך להתגלגל שוב בעוה"ז וכן בכל המצו' מל"ת ועשה.

# - ד -

## דו האסט א פנימיות'דיגע הייליגע פינטעלע וואס קען זיך קיינמאל נישט דידן!!

### אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם כֻּלְּכֶם לִפְנֵי ה' אֱלֹקֵיכֶם רָאשֵׁיכֶם שִׁבְטֵיכֶם זִקְנֵיכֶם וְשֹׁטְרֵיכֶם כֹּל אִישׁ יִשְׂרָאֵל (כט, ט)

איר אלע שטייט דעם היינטיגן טאג פארן אויבערשטן אייער באשעפער, די הויפטן פון אייער שבטים, אייערע זקנים, שוטרים, און יעדער אידישער מענטש

דער הייליגער **שפת אמת** זי"ע שרייבט: דער מדרש (תנחומא א) ברענגט דא דעם פסוק (מלאכי ג, ו): "אֲנִי ה' לֹא שָׁנִיתִי וְאַתֶּם בְּנֵי יַעֲקֹב לֹא כְלִיתֶם" [דער אויבערשטער זאגט: איך האב זיך קיינמאל נישט געטוישט, און איר כלל ישראל זענט נישט פארלענדט געווארן]. די טיפע כוונה דערפון איז, אז יעדער איד איז א חלק אלקי ממעל, ער האט אין זיך א רוחניות'דיגע נשמה וואס קומט פון באשעפער אליינס כביכול, דעריבער איז נישט מעגליך אז כלל ישראל זאל ווערן געטוישט. אפילו ווען אידן גייען דורך פארשידענע סארט מצבים, גוטע אדער פארקערטע חלילה, מיט דעם אלעם בלייבט אבער שטענדיג באהאלטן טיף אין יעדער איד - די פנימיות'דיגע געטליכע נקודה וואס איז א שטיק פונעם אויבערשטן אליין, וואס דאס רירט זיך קיינמאל נישט פון ארט, פונקט ווי ס'איז נישט שייך אז דער אויבערשטער זאל ווערן געטוישט חלילה.

---

והבחינה ע"ז הוא כי ישים האדם עיניו על איזה מצוה שהיצה"ר מסיתו יותר לעבור עלי' הוא הדבר אשר בא הלום לתקן... וז"ש הכ' אתם נצבים היום כולכם כפי המבואר במד"ר היום זה ר"ה. כי עתה העת לפשפש במעשיו בכל איבריו מראש עד העקב והכינו את אשר יביאו להתיצב לפני ד' כולכם כל איש ישראל שלם כולו בלי שום חסרון ופגם אבר חלילה.

אבער די עבודה פון יעדן איד איז, אז ער זאל זיך אריינברענגען צו זיין א חלק פון גאנץ כלל ישראל, כדי ער זאל האבן א חלק אין דער פנימיות'דיגער נקודה פון יעדן איד פון כלל ישראל[ד].

## - ה -

### נאר דער אמת האט א קיום!

**אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם כֻּלְּכֶם לִפְנֵי ה' אֱלֹקֵיכֶם** (כט, ט)

**איר אלע שטייט דעם היינטיגן טאג פארן אויבערשטן אייער באשעפער**

אין ספר '**נאות דשא**' [פון א זון פונעם הייליגן **איזשביצער** זי"ע] ברענגט ער בשם זיין גרויסן טאטן, אז די כוונה איז, אז נאר דער 'אמת' האט א קיום, דאס בלייבט אלעמאל.

דאס איז מרומז אין דעם פסוק: "אתם נצבים", דאס ווארט "אתם" איז די זעלבע אותיות פון 'אמת', דאס קומט צו לערנען, אז 'אתם'-'אמת' בלייבט שטענדיג שטיין מיט א פעסטקייט ("נצבים")[ה].

---

[ד] וזל"ק (שפת אמת, נצבים, שנת תרנ"ו): **אתם נצבים היום כו'.** במדרש תנחומא (נצבים א), אני ה' לא שניתי כו' בני ישראל לא כליתם (מלאכי ג ו), כי הנה חלק ה' עמו (לב ט), ולכן כנסת ישראל אין להם השתנות ויש להם בחינת השתנות בין בזמן הברכה והקללה מכל מקום פנימיות הנקודה של כנסת ישראל לא ישתנה לעולם ועל זה נכרת ברית. אכן עבודת כל פרט להכנים עצמו בכלל ישראל להיות לו חלק בנקודה פנימיות של כללות בני ישראל.

[ה] וזל"ק (נאות דשא, נצבים): **אתם נצבים היום כולכם וגו'.** אמר אאמו"ר ז"ל קושטא קאי, אתם אותיות אמת וזהו חותמו של הש"י.

### - ו -

## ס'איז נישטא אזא מציאות, אז א איד איז נישט חשוב!

**כֹּל אִישׁ יִשְׂרָאֵל (כט, ט)**

**יעדער אידישער מענטש**

דער הייליגער חת"ם סופר זי"ע טייטשט: "כל איש" - יעדער מענטש וואס געפינט זיך צווישן די אידן, איז "ישראל" - גאר טייער און חשוב (ווי באקאנט, אז די אויסדרוק 'ישראל' ווייזט אויף חשיבות), ווייל ס'איז נישטא קיין איין איד וואס איז נישט חשוב[י].

### - ז -

## זיי מכניע דעם יצר הרע ווען דו ביסט נאך יונג!

**כֹּל אִישׁ יִשְׂרָאֵל (כט, ט)**

**יעדער אידישער מענטש**

דער הייליגער סקולענער רבי זי"ע טייטשט: "כל איש" - אויב דו וועסט דינען דעם אויבערשטן, ווען דו ביסט אן 'איש', דאס מיינט, ווען דו ביסט נאך יונג, און דו ביסט נאך אינגאנצן ביי די כוחות, און דאן וועסטו איינעמען דעם יצר הרע "כל" - אינגאנצן, אז דו וועסט אים גענצליך מכניע זיין, דאן וועט זיין, אז: "כל" - דיין גאנץ לעבן וועסטו בלייבן אן "איש ישראל" - א מענטש וואס איז שטארק און קען

---

[י] וזל"ק (חת"ם סופר, על התורה, עמ' קיז): כל איש ישראל. פי' כל איש ואיש בכם הוא ישראל חשוב אין אחד מכם שאינו חשוב.

איינגעמען דעם יצר (דאס ווארט 'ישראל' איז מרמז אויף דעם ענין פון זיך מתגבר זיין אויף דעם יצר הרע, זע בראשית לב, כט). אפילו ווען דו וועסט ווערן אלט, און דיינע כוחות וועלן ווערן אפגעשוואכט, וועסטו אבער ווייטער זיך קענען שטארקן מיט דער מלחמה מיטן יצר, און אים באזיגן[ז].

## - ח -

**דורך יעדע מצוה וואס דו טוסט, ביסטו ממשיך אויף דיר א געטליכער כח פון קדושה!**

**כִּי הַמִּצְוָה הַזֹּאת אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוְּךָ הַיּוֹם לֹא**
**נִפְלֵאת הִוא מִמְּךָ וְלֹא רְחֹקָה הִוא** (ל, יא)

ווייל די מצוות וואס איך באפעל אייך דעם היינטיגן טאג, איז נישט אפגעטיילט
פון דיר [-העכער פון דיינע מעגליכקייטן] און דאס איז נישט ווייט פון דיר

דער הייליגער **שפת אמת** זי"ע ערקלערט: די הייליגע מצוות וואס דער אויבערשטער האט אונז באפוילן זענען נישט ווי א פשוט'ער באפעל פון א 'מלך בשר ודם' וואס איז א פשוט'ער גשמיות'דיגער ווארט, נאר דער אויבערשטער האט אריינגעלייגט א געטליכער כח אין יעדע מצוה, וואס דורכדעם ווערט דער מענטש באהאפטן צו הויכע ליכטיגקייטן מיט יעדע מצוה וואס ער איז מקיים. דעריבער זאגן

---

[ז] וזל"ק (נועם אליעזר, נצבים): וזהו שאמר הכ' כל איש ישראל, כאשר תעבוד את ה' כשאתה איש בבחרותך ובכוחותיך המלאים, וכל כולו תכבוש את יצרך, אז כל איש ישראל, תשאר כל ימיך איש ישראל, איש גבור, הכובש את יצרו, שכבישת היצר נרמז בשם ישראל, שנקרא כן ע"ש כי שרית עם אלקים ועם אנשים ותוכל. וגם לעת הזקנה כאשר הכחות נחלשים תוכל לעמוד בתוקף לכבוש את יצרך מכמו שנאצר גם כי יזקין לא יסור ממנה.

מיר 'אשר קדשנו במצוותיו', ווייל מיט יעדע מצוה זענען מיר קונה א נייע ליכטיגקייט פון קדושה.

דאס איז די כוונה פון דעם פסוק: "**הַמִּצְוָה הַזֹּאת אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוְּךָ הַיּוֹם לֹא נִפְלֵאת הִוא מִמְּךָ**" – דער געטליכער כח פון די מצוות איז נישט העכער פון דיין מדריגה, ווייל יעדער איד קען זוכה זיין דערצו, דורכן מקיים זיין די מצוות מיט זיין גאנצע הארץ און נשמה.

דאס איז די טיפע כוונה פון דער משנה (אבות ד, ב): "שכר מצוה מצוה" [די שכר פארן טון א מצוה, איז נאך א מצוה], דאס מיינט, אז דער שכר פאר די מצוות איז, אז מען ווערט באהאפטן אין דעם פנימיות'דיגן כח פון דער מצוה.

דאס איז אויך די טיפע כוונה פון די ווערטער "נעשה ונשמע" וואס די אידן האבן געזאגט ביים מקבל זיין די תורה (שמות כד, ז), ווייל דורכן טון און מקיים זיין די מצוות מיט א שלימות ('נעשה') איז מען זוכה צו דערהערן דער פנימיות פון דער מצוה, און באהאפטן ווערן צו דער ליכטיגקייט פון די מצוה ('נשמע')[ח].

---

[ח] וזל"ק (שפת אמת, נצבים, שנת תרנ"ב): בפסוק כי המצוה הזאת אשר אנכי מצוך היום לא נפלאת כו'. פירוש כי מצות השם יתברך אינו כמצות מלך בשר ודם אשר הוא דיבור בעלמא, אבל הקב"ה אשר צוה אותנו המצות, הציוי היא דביקות וכח אלקות. וזה שאומרים אשר קדשנו במצותיו. וזה כח הציוי אשר אנכי מצוך לא נפלאת הוא ממך, אך על ידי קיום המצוה בלב ונפש יכולין להתדבק בכח המצוה. וזה שרמזו חז"ל (אבות פ"ד מ"ב) שכר מצוה מצוה, פירוש על ידי המצוה מתדבקין בכח הציוי ונקראין שלוחי מצוה. וזה ענין נעשה ונשמע שאמרו בני ישראל (שמות כד ז), כי הבינו אשר דברי אלקים חיים וקיימים לעולם ועל ידי העשיה יתדבקו בכח מצותיו.

## - ט -

**דער אויבערשטער פאדערט נישט פון דיר קיין גרויסע עבודות, דו דארפסט בלויז ארויפגיין א קליין ביסל העכער פון דיין יעצטיגע מדריגה!**

**לֹא בַשָּׁמַיִם הִוא לֵאמֹר מִי יַעֲלֶה לָּנוּ הַשָּׁמַיְמָה וְיִקָּחֶהָ לָּנוּ וְיַשְׁמִעֵנוּ אֹתָהּ וְנַעֲשֶׂנָּה: כִּי קָרוֹב אֵלֶיךָ הַדָּבָר מְאֹד בְּפִיךָ וּבִלְבָבְךָ לַעֲשֹׂתוֹ** (ל, יב-יד)

די תורה איז נישט אין הימל, אז דו זאלסט קענען זאגן: "ווער קען ארויפגיין פאר אונז אין הימל, מקבל צו זיין די תורה, און דאן ווען מיר הערן די תורה און דאס מקיים זיין": נאר די תורה איז זייער נאנט צו דיר, דו קענסט דאס מקיים זיין מיט דיין מויל און מיט דיין הארץ

רש"י זאגט, אז אויב וואלט די תורה געווען אין הימל, וואלט מען טאקע געדארפט ארויפגיין דארט, דאס צו נעמען.

הרה"ק רבי נתן פון ברסלב זי"ע שרייבט: צומאל דאכט זיך פאר א מענטש, אז כדי צו דינען דעם אויבערשטן מוז ער טון אויסערגעווענליכע הויכע עבודות מער ווי זיין מדריגה, און וויבאלד ער זעט, אז ער איז נישט מסוגל דאס צו טון - פאלט ער חלילה אינגאנצן אראפ, און ער טוט נישט גארנישט. דעריבער קומט אונז דער פסוק אנזאגן, אז דער אמת'ער תורה'דיגער וועג איז נישט אין הימל, ווייל כדי צו דינען דעם אויבערשטן מוז מען נישט טון דוקא אזעלכע עבודות וואס זענען העכער דעם מענטש'נס מעגליכקייטן, פונקט ווי די הייעך פון די הימל.

דערויף ערקלערט רש"י, אז אויב די תורה וואלט געווען אין הימל, וואלט מען געדארפט ארויפגיין דארט. די טיפע כוונה דערפון איז, אז דאס איז טאקע דער אמת, אז מען וואלט געדארפט ארויפגיין אין הימל, צו מקבל זיין די תורה, ווייל באמת וואלט

# דברי חיזוק פון אונזערע צדיקים

נצבים – וילך

טאקע געווען ראוי, אז א מענטש זאל דינען דעם אויבערשטן, אויף די גרעסטע און העכסטע מדריגה, ער זאל ארויפגיין צו די מדריגות וואס זענען ווי אין הימל.

אבער דער אויבערשטער איז א גוטער, ער וויל בלויז טון חסדים מיט אונז, און ער ווייסט אז דער יצר הרע איז זיך מתגבר אויף אונז אן א שיעור. דער אויבערשטער ווייסט, אז ס'איז נישט מעגליך אז יעדער מענטש זאל גלייך אנהויבן מיט שווערע עבודות, און הויכע מדריגות, און עס זענען דא גאר אסאך אידן וואס זענען בכלל נישט זוכה במשך זייער גאנץ לעבן צו הויכע עבודות, אויב אזוי קומט אויס, אז אויב דער אויבערשטער וועט נישט וועלן אננעמען די פשוט'ע עבודות פון די פשוט'ע ערליכע אידן, וועט רוב וועלט נישט האבן קיין שום האפענונג זוכה צו זיין צו עפעס א תכלית!

דעריבער זאגט אונז דער פסוק, אז דער אמת'ער אמת איז, אז די תורה געפינט זיך נישט דוקא אין הימל. דאס מיינט, אז דער וועג זוכה זיין צו תורה איז נישט דוקא דורך הויכע מדריגות, ווייל דער אויבערשטער פאדערט נישט פון אונז, אז מיר זאלן דוקא טון הויכע עבודות וואס זענען העכער ווי אונזערע מעגליכקייטן, נאר דער אויבערשטער וויל, אז דער מענטש זאל טון א קלייניקייט וואס ער קען, לויט זיין יעצטיגע מדריגה, און אזוי זאל ער ווייטער ארויפגיין צוביסלעך מדריגה נאך מדריגה, נאך אביסעלע און נאך אביסעלע.

דאס איז די כוונה פון דעם פסוק: "כי קרוב אליך הדבר מאוד" – די תורה און עבודה וואס דו דארפסט טון כדי אויסצופירן דעם רצון ה', איז: אז דו זאלסט ארויפגיין צו די מדריגה וואס איז זייער נאנט צו דיר, אז דו זאלסט זיך מתגר זיין ארויפצוגיין צו איין מדריגה העכער, וואס דאס איז זייער נאנט צו דיר אין דיין יעצטיגע מצב. נאר דאס

פאדערט דער אויבערשטער פון דיר, און דאס איז דער ריכטיגער וועג זוכה צו זיין צו תורה און עבודה[ט].

---

[ט] וזל"ק (ליקוטי הלכות, הל' תרומות ומעשרות ג, י): וזהו, לא בשמים הוא לאמר מי יעלה לנו השמימה ויקחנה לנו וכו'. ופרש רש"י שאלו היתה בשמים היית צריך לעלות אחריה ולא מעבר לים וכו', היינו כנ"ל, כי לפי רבוי ההתלהבות של הלב שבוער מאד לה' יתברך עד לשמים אין מספיק לו שום עבודה שבעולם שאפשר לו לעשות, כי נדמה לו שעדיין אינו יוצא כלל ומחמת זה אינו עושה כלל חס ושלום כנ"ל. ועל זה הזהירה התורה הקדושה המורה לנו דרך החיים לא בשמים הוא, כי אין הקדוש-ברוך-הוא בא בטרוניא עם בריותיו ולא נתנה תורה למלאכי השרת, כלומר שאין הדבר כמו שנדמה לך שאין אתה יכול לעבוד ה' יתברך כי אם כשתעלה לשמים שתעשה עבודות שאין בידך לעשות שהם גבוהים ממך כגבוה שמים. וזהו שפירש רש"י שאילו היתה בשמים היית צריך לעלות אחריה, היינו שבוודאי האמת הוא כמו שנדמה לך, כי בוודאי אפילו אם לא היה אפשר לקיים את התורה כי אם לעלות לשמים, היינו לעשות עבודות גבוהות מאד תיכף שהם בחינת שמים בוודאי היית צריך לעלות אחריה, כי בוודאי ראוי לאדם לעבוד את ה' יתברך בתכלית תכלית מדריגה העליונה הנקרא שמים. אבל ה' יתברך חפץ חסד הוא והוא יודע יצרנו כי עפר אנחנו ויצר לב האדם רע מנעוריו ואי אפשר לכל אדם להתחיל תיכף בעבודות גבוהות לשמים ואפילו לאחר ההתחלה לאו כל אדם זוכה אפילו בסוף ימיו לעבודות גבוהות ואם כן חס ושלום אם לא ירצה ה' יתברך לקבל העבודות פשוטים של סתם אנשים כשרים אם כן אבדה התקווה חס שלום של רוב העולם, אבל באמת אין התורה בשמים דווקא, דהיינו שלא יהיה אפשר לזכות להתורה כי אם על-ידי מדרגות גבוהות בחינת שמים כי לא בשמים הוא וכו'. וסיים המקרא, כי קרוב אליך הדבר מאד בפיך ובלבבך לעשותו היינו כי אין הקדוש-ברוך-הוא בא בטרוניא עם בריותיו ואין הקדוש-ברוך-הוא חפץ מהאדם שיעלה לשמים, דהיינו שיעשה עבודות גבוהות דווקא מה שאין בכחו לעשות רק ה' יתברך חפץ מהאדם שיעשה מה שאפשר לו לפי מדרגתו, דהיינו שילך מדרגא לדרגא בבחינת סולם מצב ארצה וראשו מגיע השמימה שצריכין לילך מדרגא לדרגא. נמצא שאין האדם צריך כי אם לעבוד את ה' יתברך לפי מדרגתו, דהיינו שימשוך עצמו מעט מעט כמו שאנו מבקשין בכל בוקר שתרגילנו בתורתך שתרגילנו דייקא כנ"ל נמצא שאין האדם צריך כי אם להתקרב ולעלות להמדריגה הקרובה אליו מאד כנ"ל. וזהו, לא בשמים הוא וכו'

– י –

**מיט יעדע דיך וואס דו טוסט פארן אויבערשטן - שאקלסטו וועלטן!!**

**לֹא בַשָּׁמַיִם הִוא לֵאמֹר מִי יַעֲלֶה לָּנוּ הַשָּׁמַיְמָה וְיִקָּחֶהָ לָּנוּ וְיַשְׁמִעֵנוּ אֹתָהּ וְנַעֲשֶׂנָּה: כִּי קָרוֹב אֵלֶיךָ הַדָּבָר מְאֹד בְּפִיךָ וּבִלְבָבְךָ לַעֲשׂתוֹ** (ל, יב-יד)

די תורה איז נישט אין הימל, אז דו זאלסט קענען זאגן: "ווער קען ארויפגיין פאר אונז אין הימל, מקבל צו זיין די תורה, און דאן וועלן מיר הערן די תורה און דאס מקיים זיין": נאר די תורה איז זייער נאנט צו דיר, דו קענסט דאס מקיים זיין מיט דיין מויל און מיט דיין הארץ

דער הייליגער בית אהרן זי"ע זאגט: די כוונה פון דעם פסוק איז: "לא בשמים הוא" - די אלע הייליגע שמות זענען נישט אין הימל, נאר דאס איז שייך פאר יעדן איינציגן איד, ווייל מיט יעדע קליינע ריר וואס א א איד טוט – שאקלט ער אלע עלמות עליונים, און מיט יעדע הייליגע ווארט וואס ער רעדט ארויס, איז ער גורם צו ברענגען א שפע פון ברכה און לעבן פאר אלע וועלטן'.

---

שאין אתה צריך לעלות לשמים כנ"ל, כי קרוב אליך הדבר מאד בפיך ובלבבך לעשותו, כי באמת התורה והעבודה שאתה צריך לקיים כפי רצונו יתברך הוא קרוב אליך מאד, כי אין אתה צריך רק להתגבר לעלות ממדרגה למדרגה הסמוכה שהוא קרובה אליך מאד.

' וזל"ק (בית אהרן, סו"פ נצבים): וזהו לא בשמים היא. זה הוא השמות הקדושים אינם בשמים כמש"כ בתיקוני הזוה"ק. מפומא אפיק שמהן ואצבעין כתבין רזין. שבכל תנועה שאדם עושה מנענע כל העולמות העליונים. ובדיבור שהוא מדבר עושה רושם להביא שפע ברכה וחיים לכל העולמות. ע"כ לא בשמים היא. לאמר מ"י יעל"ה לנ"ו השמימ"ה. ס"ת הויה. וישמיענו אותה ונעשנה כי קרוב אליך הדבר מאוד בפיך ובלבבך לעשותו. פירוש שהוא עושי דברו. ואח"כ לשמוע בקול דברו יזכה לשמוע בקול דברו אחר הנסירה וישמיענו אותה ונעשה בריה חדשה ומוחין חדשים על כל השנה. ושפע וברכה וחיים טובים ארוכים ושלום על כל ישראל אמן כי"ר בי"לא"ו י"ילא"ו.

## פרשת וילך

## - יא -

### די איינציגסטע זאך וואס ליגט אויף דיר - זיך צו שטארקן אין 'רצון'!

כִּי קָרוֹב אֵלֶיךָ הַדָּבָר מְאֹד בְּפִיךָ וּבִלְבָבְךָ לַעֲשֹׂתוֹ (ל, יד)

די תורה איז זייער נאנט צו דיר, דו קענסט דאס מקיים זיין מיט דיין מויל און מיט דיין הארץ

הרה"ק רבי לייגעלע אייגער זי"ע זאגט: א מענטש זאל נישט זיין צעבראכן, ווען ער זעט אז ער שפירט נישט קיין שום הנאה און תענוג פון עבודת ה', ווייל דאס איז נישט אין זיינע הענט. די איינציגסטע זאך וואס א מענטש קען יא טון, איז צו ווילן, בענקן, און האפן צו זוכה זיין צו שפירן א דביקות, און דאן וועט ער זיכער זוכה זיין אז דער אויבערשטער וועט אים געבן במתנה, אז ער וועט שפירן א הנאה און א קירבת אלקים.

דאס איז מרומז אין דעם פסוק: "כי קרוב אליך הדבר מאוד בפיך ובלבבך לעשותו" – די איינציגסטע זאך וואס דו דארפסט טון איז, צו האפן צום אויבערשטן מיט דיין גאנצע הארץ מיט א ריינע אמת, און די איבריגע וועט שוין דער אויבערשטער אויספירן[יא].

---

[יא] וזל"ק (תורת אמת, תרומה, סוד"ה ויקחו): והנה כדי שלא יפול לב האדם עליו מזה כי מי יאמר זכיתי לבי, שיהיה מרגיש כל כך הנאה ותענוג בהקדושה, כי דבר זה אינו בידו של האדם... אמנם זה בא לחזק ידים רפות, שאם רק יהיה להם הקווי והרצון לזה, וזהו כל איש אשר ידבנו, ממילא יגמור השם יתברך בעדם, שיהיו נתפעלים בדבקות ותענוג... וע"ז מרמז הפסוק כי לקח טוב נתתי לכם תורתי וגו', שזהו בעצמו הנתינה מהש"י שנזכה להתפעל בבחי' לקיחה טובה. וזה מרמז הפסוק כי קרוב אליך הדבר מאוד בפיך ובלבבך לעשותו, מפני שהעיקר הוא הקווי בלב באמת לאמיתו.

## - יב -

### ס'איז דיר שווער צו לערנען? וועסטו באקומען מער שכר!

**הַקְהֵל אֶת הָעָם הָאֲנָשִׁים וְהַנָּשִׁים וְהַטַּף וְגֵרְךָ אֲשֶׁר בִּשְׁעָרֶיךָ לְמַעַן יִשְׁמְעוּ וּלְמַעַן יִלְמְדוּ** (לא, יב)

זאמל איין דאס פאלק [אום מוצאי סוכות פון נאך שמיטה], די מענער, די פרויען, די קליינע קינדער, און די גרים, כדי זיי זאלן הערן און לערנען די גאנצע תורה

רש"י ברענגט, אז דער טעם פארוואס מען דארף ברענגען אפילו גאר קליינע קינדער וואס קענען נאך גארנישט פארשטיין איז, כדי זייערע עלטערן זאלן באקומען שכר פארן ברענגען די קינדער.

דער הייליגער בן איש חי זי"ע ערקלערט די כוונה דערפון, אז כאטש וואס די קליינע קינדער אליין האבן נישט קיין שום תועלת פון קומען, וועט דאס אבער ברענגען מער שכר פאר זייערע עלטערן, ווייל בשעת 'הקהל' ווען גאנץ כלל ישראל האט זיך צוזאמגענומען, איז זיכער געווען שטארק ענג די פלאץ, אויב אזוי איז זיכער, אז ווען מען ברענגט די קליינע קינדער, וועט נישט זיין קיין ליידיג פלאץ וואו זיי צו זעצן, וועט מען זיי מוזן האלטן אויפן שויס, קומט אויס, אז די טאטעס וועלן זיך שפירן מער ענג, און זיי וועלן האבן וויייניגער הרחבה, ווייל זיי וועלן נאך אויך דארפן האלטן די קינדער, און צוליב דעם וועלן די טאטעס באקומען מער שכר, ווייל זיי קומען לערנען תורה מתוך הדחק, וואס אויף דעם באקומט מען אסאך שכר, ווי חז"ל זאגן (אבות ה, כב): "לפום צערא אגרא"[יב].

---

[יב] וזל"ק (בן איש חי, דרשות): או יובן בס"ד אומרו לתת שכר למביאיהם אע"פ שאין תועלת לטף מביאה זו והיינו כי מסתמא בהקהל שיש קבוץ עם רב יהיו נדחקין זב"ז ואז ודאי כאשר יביאו

## - יג -

### אז דו שפירסט נישט דעם אויבערשטן – לערן תורה!

**וַיֹּאמֶר ה' אֶל מֹשֶׁה הִנְּךָ שֹׁכֵב עִם אֲבֹתֶיךָ וְקָם הָעָם הַזֶּה וְזָנָה... וְאָמַר בַּיּוֹם הַהוּא הֲלֹא עַל כִּי אֵין אֱלֹהַי בְּקִרְבִּי מְצָאוּנִי הָרָעוֹת הָאֵלֶּה: וְאָנֹכִי הַסְתֵּר אַסְתִּיר פָּנַי בַּיּוֹם הַהוּא עַל כָּל הָרָעָה אֲשֶׁר עָשָׂה כִּי פָנָה אֶל אֱלֹהִים אֲחֵרִים: וְעַתָּה כִּתְבוּ לָכֶם אֶת הַשִּׁירָה הַזֹּאת וְלַמְּדָהּ אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל שִׂימָהּ בְּפִיהֶם** (לא, טז-יט)

און דער אויבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו: דו וועסט נפטר ווערן, און דאס פאלק וועט אויפשטיין און זינדיגן... און אין יענעם טאג [פון די גלות] וועט כלל ישראל זאגן "וויבאלד דער אויבערשטער איז נישט מיט מיר, דעריבער האט פאסירט צו מיר די אלע צרות": און איך וועל באהאלטן מיין פנים פון זיי צוליב די אלע שלעכטס וואס כלל ישראל האט געטון, מיטן נאכגיין נאך עבודה זרה'ס: און יעצט, שרייבט'ס אראפ די תורה, און מען זאל דאס לערנען מיט די אידן, אז דאס זאל ליגן אין זייער מויל

דער הייליגער **שפת אמת** זי"ע ערקלערט: אין דער צייט וואס משה רבינו האט געלעבט האבן אלע אידן געשפירט אין זייערע הערצער א ליכטיגקייט פון 'התגלות אלקות', זיי האבן 'מיטגעלעבט' דעם אויבערשטן, דעריבער האט מען נישט געדארפט אראפשרייבן די תורה, ווייל די תורה איז איינס מיטן אויבערשטן (זוהר הק' אחרי עג.), קומט אויס, אז ווען זיי האבן געשפירט דעם באשעפער, האט שוין נישט אויסגעפעלט קיין אראפגעשריבענע תורה.

---

האנשים את בניהם הקטנים אין להם מקום פנוי להושיבם מחמת רבוי העם ובע"כ יושיבו אותם בחיקם על ארכבותם ונמצא האבות נדחקים יותר בזה וממילא יגיע לאבותם שכר יותר על ביאתם ללמוד תורה בדוחק כמ"ש רז"ל אגרא דכלה דוחקא ולפום צערא אגרא לז"א ליתן שכר נוסף למביאיהם.

# דברי חיזוק פון אונזערע צדיקים

נצבים – וילך

אבער נאך וואס אידן זענען געגאנגען אין גלות, זאגן זיי "אֵין אֱלֹהַי בְּקִרְבִּי" - דער באשעפער איז נישט מיט מיר, ווייל זיי שפירן נישט די ליכטיגקייט פונעם אויבערשטן, ס'קוקט אויס ווי דער אויבערשטער איז חלילה נישט מיט אונז, דער פסוק איז אבער ממשיך: "וְאָנֹכִי הַסְתֵּר אַסְתִּיר פָּנַי", די כוונה איז, אז באמת האט אונז דער אויבערשטער קיינמאל נישט גענצליך פארלאזט, נאר ער פארשטעלט זיין פנים פון אונז.

עס שטייט א דאפלט לשון "הסתר אסתיר" צו לערנען, אז עס זענען דא צוויי סארט 'הסתרות', ס'איז דא די געוועגליכע 'הסתרה', עס זענען אבער דא געוויסע צייטן וואס דאן ער דעקט זיך מער אויף זיין ליכטיגקייט פאר כלל ישראל, אבער תיכף דערנאך ווערט דאס נאכאמאל באהאלטן, דאס איז די צווייטע 'הסתרה'.

די עצה פאר אונז אין דעם ביטערן גלות צו קענען טרעפן די ליכטיגקייט פונעם אויבערשטן, און זיך באהעפטן צו אים איז דורך די הייליגע תורה, דעריבער פירט דער פסוק אויס: "וְעַתָּה כִּתְבוּ לָכֶם", אז יעצט דארף מען שוין אראפשרייבן די תורה, כדי מען זאל קענען טרעפן דעם אויבערשטן אין אלע מצבים.

די תורה – דאס איז אן עצה פאר יעדן דור, אפילו פאר די היינטיגע נידריגע דורות, ווייל די אלע פרשיות פון די תורה זענען דאך געגעבן געווארן דוקא נאכדעם וואס אידן האבן געזינדיגט, אויב אזוי האט יעדער איינציגער איד א חלק אין די תורה וואס קען אים אויפלעבן און צוריקברענגען צום אויבערשטן[יג].

---

[יג] וזל"ק (שפת אמת, וילך, שנת תרמ"ח): בפרשה הנך שוכב כו' ואמר כו' אין אלקי בקרבי כו' הסתר אסתיר כו' ועתה השירה הזאת לפניו לעד כו'. הענין כי בזמן שהיה משה רבינו ע"ה קיים היתה התגלות אלקיות בהתגלות בלבות בני ישראל ולא הוצרך להיות התורה

## - יד -

**ס'זעט דיך אויס אוממעגליך זיך צו דערנענטערן צום אויבערשטן באמת? באשליס אז דו וועסט אריינטאנצן מיט מסירות נפש, וועסטו זען אז אלעס איז א בלויזער דמיון!**

**וְאָנֹכִי הַסְתֵּר אַסְתִּיר פָּנַי בַּיּוֹם הַהוּא עַל כָּל הָרָעָה אֲשֶׁר עָשָׂה כִּי פָנָה אֶל אֱלֹהִים אֲחֵרִים** (לא, יח)

[דער אויבערשטער זאגט:] און איך וועל באהאלטן מיין פנים פון כלל ישראל, צוליב די אלע שלעכטס וואס ער האט געטון, מיטן נאכגיין נאך עבודה זרה'ס

דער הייליגער דגל מחנה אפרים זי"ע פרעגט, לכאורה איז דאס א גרויסער וואונדער, וויאזוי קען זיין אז דער אויבערשטער זאל חלילה באהאלטן זיין פנים פון כלל ישראל?! וויאזוי קענען די אידן האבן אזוי א קיום און א חיות?! אונזער איינציגסטער חיות איז דאך בלויז דאס, אז מיר ווערן אנגערופן קינדער פארן אויבערשטן?!

נאר דאס איז צוגעגליכן צו א קעניג וואס האט געמאכט עטליכע מחיצות אין פארנט פון זיין פאלאץ, אז זיינע קינדער זאלן נישט קענען קומען צו אים, און דער מלך האט

---

כתיבה, דאורייתא וקוב"ה וישראל כולהו חד. ובזמן הגלות אמרו אין אלקי בקרבי, היינו שהוא בבחינת הסתר אספקלריא שאינה מאירה אבל בוודאי לא עזב השם יתברך אותנו. וזה הרמז הסתר אסתיר כמו שאיתא במדרש בפסוק (שה"ש ב ט) דומה דודי לצבי כו' נגלה ונסתר רואה בעין אחת, עיין שם, ובזוה"ק (פרשת בחקותי קיד:), ולעולם יש זמנים שמתגלה איזה הארה ומיד אתכסיאת וזה שכתוב הסתר אסתיר. אכן על ידי התורה יכולין למצוא התגלות אלקותו יתברך וזה שכתוב (לא יט) ועתה כתבו לכם כו'. ובתורה יש חלק לכל הדורות והרי כל פרשיות אלו הם רק לדורות השפלים אחרי החטאים והעוונות, אם כן יש לנו חלק בתורה.

# דברי חיזוק פון אונזערע צדיקים

נצבים – וילך

זיך באהאלטן אונטער די אלע מחיצות, אבער די מחיצות זענען נישט געווען אמת'ע מחיצות, נאר א בלויזע אויגן-פארבלענדעניש, וואס האט אויסגעקוקט 'אזויווי' מחיצות, ס'האט אויסגעקוקט פונקט ווי מויערן און ווי פייער און ווי טייכן, אלעס איז געווען מיט א בלויזע אויגן-פארבלענדעניש.

דער זון וואס איז געווען א חכם, האט אריינגעטראכט, אז ס'קען נישט זיין אז זיין גוטער טאטע, וואס איז פול מיט רחמנות, זאל נישט וועלן באווייזן זיין פנים פאר זיינע געליבטע קינדער, דעריבער איז ער צוגעקומען צו דער מסקנא, אז ס'מוז זיין אז דאס אלעס איז א בלויזע אויגן-פארבלענדעניש, און דער טאטע וויל פשוט אויספרובירן זיינע קינדער אויב זיי וועלן אמת'דיג ווילן קומען צו אים, און דאן וועט מער נישט זיין קיין שום מחיצה.

דער קינד האט אפגעמאכט אז ער איז זיך מוסר נפש אריינצוטאנצן אין וואסער כדי אנצוקומען צו זיין טאטע, און תיכף ווען ער האט באשלאסן זיך צו מוסר נפש זיין, איז די גאנצע מחיצה בטל געווארן, און ער האט געקענט אריבערגיין, און אזוי איז געווען מיט אלע מחיצות, ביז ער איז אנגעקומען בשלום צום פאלאץ פונעם קעניג.

עס זענען אבער געווען אנדערע קינדער וואס האבן מורא געהאט אנצוהייבן אפילו אריינצוגיין אין די מחיצות, און עס זענען געווען וואס האבן יא פרובירט דורכצוגיין געוויסע מחיצות, און ביי די אנדערע מחיצות האבן זיי זיך אפגעשטעלט, און זיי זענען געבליבן אינדרויסן.

דער נמשל איז באקאנט [אז פונקט די זעלבע שפילט זיך אפ מיטן אויבערשטן, ער פארשטעלט זיך כאילו ער איז באהאלטן, ס'קוקט אויס פארן מענטש ווי ער איז

אריינגעפאלן אין א ירידה, ער זעט נישט קיין וועג ארויס, ער זעט נישט וויאזוי ער קען טרעפן דארט דעם אויבערשטן, אבער דער אמת איז, אז דאס אלעס קומט בלויז ווייל דער אויבערשטער וויל אונז אויספרובירן צי מיר ווילן טאקע באמת אנקומען צו אים, און אויב מיר וועלן אפמאכן מיט א פעסטקייט, אז מיר וועלן פרובירן זיך צו דערנעענטערן צו אים, זאל זיין וואס זאל זיין, וועלן אלע 'הסתרות' בטל ווערן].

דער וואס איז זיך מוסר נפש, און ער גייט אדורך אלע מחיצות, ביז ער קומט אן צום מלך, איז זיכער, אז ווען ער דערגרייכט צום קעניג איז ער זוכה צו פיל א העכערע מדריגה ווי ווען פאר ער איז אריבערגעגאנגען, קומט אויס, אז די אלע ירידות און הסתרות זענען געווען לטובה, ווייל דאס ברענגט אים צו הויכע מדריגות[ד].

[ד] וזל"ק (דגל מחנה אפרים, וילך): אנכי הסתר אסתיר את פני, והוא לכאורה תמיה גדולה איך אפשר שהקב"ה יסתיר פניו מישראל חלילה ואיך יהיה להם חיות ותקומה כי זה כל חיותם של ישראל עם קרובו שנקראו בנים למקום אך דהנה המשל הוא למלך שעשה כמה מחיצות באחיזת עינים לפני היכלו שלא יוכלו ליכנס אליו ונסתתר שם ועשה חומות ואש ונהרות באחיזת עינים הכל לפני בניו והנה מי שהיה חכם נתן לב לדבר אך אפשר שאביו הרחמן לא יתרצה להראות פניו לבניו ידידיו אין זה כי אם אחיזת עינים והאב רוצה לנסות אם ישתדל הבן לבוא אליו ובאמת אין שום הסתרה והנה מיד כשמסר לנפשו לילך בנהר נסתר אחיזת עינים ועבר בו וכן בכל המחיצות עד שבא להיכל המלך ויש טפש שירא להתחיל לעבור המחיצות ויש שעובר המים וחוזר מפני החומות ומפני האש והנמשל ידוע והנה מי שמוסר נפשו ועובר בכל המחיצות ודוחק עצמו עד שבא אל המלך אז יבוא למעלה יותר גדול מקודם וזהו אנכי ארד עמך היינו כשתתן לב ותבין שאפילו בירידה יש גם כן אנכי היינו ההסתרה שנסתתר עצמי ממך היא גם כן לטובתך אז ואנכי אעלך גם עלה היינו שתזכה למעלה יתירה וזהו גם עלה והבן.

## - טו -

### דער שורש פון אלע צרות איז בלויזע רחמים!

**וְעַתָּה כִּתְבוּ לָכֶם אֶת הַשִּׁירָה הַזֹּאת**
**וְלַמְּדָהּ אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל שִׂימָהּ בְּפִיהֶם (לא, יט)**

און יעצט, שרייבט'ס אראפ פאר אייך די 'שירה' [פרשת האזינו]
און דאס אויסלערנען פאר די אידן, אז דאס זאל ליגן אין זייער מויל

דער הייליגער תפארת שלמה זי"ע זאגט: כאטש וואס עס זעט אויס ווי די שירה פון האזינו איז פול מיט שארפע מוסר, און אסאך שלעכטע צרות, פארט איז אבער דער שורש דערפון אויסטערלישע רחמים, ווייל דער אויבערשטער וויל בלויז גוטס טון, און דאס איז זיין גאנצע כוונה מיט אלע יסורים וואס ער ברענגט. און אפילו אין אן 'עת צרה' ווערן נתעורר גרויסע רחמנות אויבן אין די עולמות עליונים[טו].

---

[טו] וזל"ק (תפארת שלמה, וילך): ועתה כתבו לכם את השירה הזאת כו' והי' כי תמצאן אותו רעות רבות וצרות וענתה השירה הזאת לפניו לעד. הנ"ל דהנה אע"פ שבהשיר' הזאת יש בה תוכחת הרבה וצרות אעפ"כ הם רחמי' בשרשם כי כוונת הש"י ב"ה רק להטיב. ברוגז רחם תזכור. כמו שמצינו בק"ש ששם ע"ב הוא עומד למעלה על תיבת וחרה אף כו'. כי על כל התוכחות הנה שם ע"ב שהוא רחמים עומד עליהם. וזה שרמז כאן הכתוב והי' כי תמצאן אותו רעות רבות וצרו' וענתה השירה הזאת. ר"ל שהשירה והתוכחה. תקרב היחוד שגם בעת צרה ח"ו יהי' היחוד והרחמים למעלה.

## - טז -

### א איד האט קיינמאל נישט קיין שלעכטס!

**וְעַתָּה כִּתְבוּ לָכֶם אֶת הַשִּׁירָה הַזֹּאת וְלַמְּדָהּ אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל שִׂימָהּ בְּפִיהֶם** (לא, יט)

און יעצט, שרייבט'ס אראפ פאר אייך די 'שירה' [פרשת האזינו] און דאס אויסלערנען פאר די אידן, אז דאס זאל ליגן אין זייער מויל

דער הייליגער **שפת אמת** זי"ע זאגט: כאטש וואס אין די שירה פון האזינו געפינען מיר עונשים, אבער דער אמת איז, אז דאס איז אלעס לטובה, ווייל אלע שטראפן פאר אידן זענען לטובה, דער ציל פון אלע יסורים איז, זיי צו ברענגען צו אייביגע גוטס, אזוי ווי דער פסוק זאגט (תהילים קא, א): "**חסד ומשפט אשירה**" – איך וועל דיר לויבן סיי אויף דיינע חסדים און סיי אויף דיינע שטראפן, ווייל באמת איז אלעס לטובה.

דעריבער געפינען מיר אז דער פסוק זאגט אויף ראש השנה (במדבר כט, א): "יום תרועה יהיה לכם", דאסווארט 'תרועה' ווייזט ארויס די פריינטשאפט און ליבשאפט וואס דער אויבערשטער האט צו יעדן איד (זע במדבר כג, כא), ווייל כאטש וואס ראש השנה איז א טאג פון 'משפט', מיט דעם אלעם "יום תרועה" – איז דאס א טאג פון ליבשאפט, "לכם" – פאר אייך אידן, ווייל פאר אידן איז אלעם בלויזע גוטס, אפילו משפט און דינים[טז].

---

[טז] וזל"ק (שפת אמת, וילך, שנת תרנ"א): **כתבו לכם את השירה כו'.** ענין שירה זו הגם כי יש בה עונשין אך כמו שנאמר (תהלים קא א) חסד ומשפט אשירה, כמו שאיתא במדרשים בה' אהלל דבר באלקים אהלל (שם נו יא) בין במדת פורעניות, כי כל המשפטים לבני ישראל הם לטובה. ולכן בראש השנה שהוא המשפט כתיב (במדבר כט א) יום תרועה יהיה לכם, תרועה היא רצון, כמו שנאמר (שם כג כא) תרועת מלך בו, ולכן כתיב לכם לכם היא לרצון ולא לאחרים לרצון.

# דברי חיזוק פון אונזערע צדיקים

נצבים – וילך

## הפטורת נצבים

– יז –

**דיינע אלע פארפוילטע חלקים קענען ווערן איבערגעדרייט צו גוטס!**

**שׂוֹשׂ אָשִׂישׂ בַּה' תָּגֵל נַפְשִׁי בֵּאלֹקַי כִּי הִלְבִּישַׁנִי בִּגְדֵי יֶשַׁע מְעִיל**
**צְדָקָה יְעָטָנִי... כִּי כָאָרֶץ תּוֹצִיא צִמְחָהּ וּכְגַנָּה זֵרוּעֶיהָ תַצְמִיחַ**
**כֵּן אֲדֹנָי ה' יַצְמִיחַ צְדָקָה וּתְהִלָּה נֶגֶד כָּל הַגּוֹיִם (ישעיה סא, י-יא**

[כלל ישראל זאגט:] איך וועל זיך פרייען מיטן אויבערשטן, מיין נפש וועט זיין לוסטיג מיט מיין באשעפער, ווייל ער האט מיר אנגעקליידעט מיט קליידער פון ישועות [-ער האט מיר ארומגענומען מיט ישועות ווי א קלייד], און ער האט מיר ארומגעוויקלט מיט א בגד פון צדקה... ווייל פונקט ווי די ערד געבט ארויס אירע געוויקסן, און פונקט ווי א גארטן מאכט וואקסן אירע זומען, פונקט אזוי וועט דער אויבערשטער מאכן וואקסן פאר כלל ישראל א צדקה און א לויב קעגן אלע פעלקער

דער הייליגער דגל מחנה אפרים זי"ע ערקלערט דאס, לויט די ווערטער פון חז"ל (יומא פו.), אז ווען מען טוט תשובה מאהבה ווערן זיינע עבירות [אפילו וואס ער האט געזינדיגט במזיד] איבערגעדרייט צו מצוות.

מ'קען דאס פארשטיין מיט א משל, ווען מען זייעט איין זומען אין דער ערד, נאך א שטיק צייט - ווען די זומען ווערן איינגעווארצלט אין דער ערד ווערן זיי פארפוילט, און דוקא דעמאלטס וואקסט ארויס דערפון הערליכע געוויקסן, דאס זעלבע פאסירט ווען מען טוט תשובה מאהבה, אז פון זיינע פארפוילטע מעשים וואקסן ארויס מצוות.

דאס איז מרומז אין דעם פסוק: "שׂוֹשׂ אָשִׂישׂ בַּה'" – איך וועל תשובה טון מיט אן אהבה און א שמחה, און דורכדעם וועט ווערן: "תָּגֵל נַפְשִׁי בֵּאלֹקַי" – אז דורך די שמחה און אהבה וועל איך זוכה זיין, אז דער אויבערשטער וועט ווערן 'אלקי', דאס מיינט, אז דער אויבערשטער וועט כביכול רוען אויף מיר. ווייל איינער וואס טוט תשובה מיט אן אמת איז זוכה אז ער ווערט כביכול א וואוינ-ארט פאר די שכינה, ער קומט אן ביז דעם כסא הכבוד, און דער אויבערשטער אליין רוהט אויף אים, דעריבער ווערט דאן דער אויבערשטער אנגערופן "אלקי".

דער פסוק איז ממשיך: "כִּי הִלְבִּישַׁנִי בִּגְדֵי יֶשַׁע" – דורך די תשובה מאהבה האט דער אויבערשטער איבערגעדרייט פון די זאכן וואס איך האט געפעלטשט אין אים ("בגדי" איז א לשון פון 'פעלטשן'), אט די זאכן זענען פארוואנדלט געווארן פאר "ישע" – א ישועה, "מְעִיל צְדָקָה יְעָטָנִי" – און די זאכן וואס איך האב געזינדיגט קעגן אים ('מעיל" איז א לשון פון 'מועל זיין', פעלטשן, זינדיגן), זענען געווארן איבערגעדרייט צו "צדקה" – צו מצוות, ווייל דורך תשובה מאהבה ווערן עבירות איבערגעדרייט פאר מצוות.

אויב ווערסטו זיך וואונדערן, וויאזוי איז שייך אז פון שלעכטע עבירות זאל גאר ווערן הייליגע מצוות?! דערויף איז דער פסוק ממשיך: "כִּי כָאָרֶץ תּוֹצִיא צִמְחָהּ וּכְגַנָּה זֵרוּעֶיהָ תַצְמִיחַ" – ווייל פונקט ווי די ערד מאכט וואקסן אירע געוויקסן, דוקא פון א פארפוילטע קערל, די זעלבע וועלן ארויסוואקסן מצוות פון די שמוציגע עבירות[י].

[י] וזל"ק (דגל מחנה אפרים, ליקוטים, הפטרת נצבים): שוש אשיש בה' תגיל נפשי באלהי וכו'. לבאר זה נראה עפ"י דאיתא בגמרא כשעושה תשובה מאהבה זדונות נעשו לו כזכיות והמשל בזה היא כמו זרעים שנזרעו בקרקע כשנרקבין אזי מוציא צמחין וכן הענין כאן בעושה תשובה מאהבה וזהו שוש אשיש בה' פי' שעוש' תשובה מאהב' וזהו אשוש, תגיל נפשי באלהי שנעשה אלהי שלי שהיא ע"י אהבה וזהו כוונת הפסוק שובה ישראל עד ה' אלקיך פי' שיעשה אלהי שלך

# - יח -

**די עבודה פון ראש השנה - שרייען צום אויבערשטן פון טיפעניש פון הארץ!**

דער הייליגער בית אהרן זי"ע זאגט: ראש השנה איז דער טאג וואס דאן איז די וועלט באשאפן געווארן, און אין דעם טאג ווערן אלע וועלטן באשאפן פונדאסניי. לויט וויפיל א מענטש איז זיך מקדש ומטהר, און ער פרובירט אז זיינע ווערטער וואס ער רעדט פארן אויבערשטן - זאלן זיין מיט א קדושה וטהרה, אזוי איז ער ממשיך א שפע פון ברכות און א גוט לעבן אויף א גאנץ יאר, אויף זיך, אויף זיין משפחה, און אויף אלע וועלטן, אז אלע זאלן באנייעט ווערן מיט פרישע השפעות.

ראש השנה איז דער זמן ווען עס ווערן באנייעט דער מוח פונעם מענטש צו קענען טראכטן הייליגע מחשבות, אבער דער וועג וויאזוי א מענטש איז זוכה צו א הייליגער מוח איז דוקא דורכן אוועקנעמען זיין הארץ פון יעדע טראפ שכל, נאר ער זאל שרייען צום אויבערשטן פון טיפעניש פון הארץ אן קיין שום טעם און קיין שכל, מיט איין לויטערע כוונה זיך צו דערנענטערן צום אויבערשטן, דורכדעם נעמט ער אוועק אלע

---

וזהו ע"י אהבה וזהו הגמרא גדולה תשובה שמגע' עד כסא הכבוד פי' שהבע"ת בעצמו מגיע עד בחי' כסא הכבוד ונעשה מרכבה לקב"ה ונעשה אלהיו וזהו במקום שבע"ת עומדים אין צדיקים גמורים יכולים לעמוד וזהו פי' הפסוק תמים תהיה עם ה' אלקיך היינו תמים תהיה כשתהיה עם ה' אלקיך שהיא התשובה מאהבה כנ"ל וזהו תגיל נפשי באלקי ואמר כי הלבישני בגדי ישע פי' דברים שבגדת בהם נעשה מהם ישע שנעשין לו כזכיות, ומעיל דברים שמעלת בהן צדקה יעטני מהם נעשה צדקה כנ"ל וא"ת היאך אפשר זה שמעברות נעשה זכיות ע"ז אמר כגנה זרועיה תצמיח שהיא ע"י הזריעה שנרקב בקרקע היא מוציא פירות כן הדבר הזה שע"י החטאים נעשין כזכיות כנ"ל והבן בזה מאוד.

מקטריגים וואס לאזן אים נישט ארויסרעדן הייליגע דיבורים, און ער איז יא זוכה צו רעדן אמת'ע דיבורים פארן אויבערשטן.

דורכדעם וועט ער זוכה צו דערהערן ריכטיג דעם קול פון שופר, ווייל דער אויבערשטער אליין רוהט אין דעם קול פונעם שופר, און לויט וויפיל א מענטש שרייט צום אויבערשטן איז ער זוכה צו דערהערן דעם קול פונעם אויבערשטן וואס געפינט זיך אין דעם שופר[יח].

## - יט -

### באשעפער! מיר קענען נישט אראפשלינגען דעם חילול כבוד שמים!

דער הייליגער ריזשינער זי"ע האט געטייטשט די ווערטער וואס מען זאגט ביי סליחות: **"עשה למענך אם לא למענינו"**, אז די כוונה איז: **"עשה למענך"** – לייז אונז אוים פאר דיין כבוד, כדי דיין גרויסער נאמען זאל נישט פארשוועכט ווערן צווישן די גויים, **"אם לא"** – אויב וועסטו זאגן, אז דו ביסט גרייט אראפצושלינגען דאס וואס די

[יח] וזל"ק (בית אהרן, נצבים, עה"פ לא בשמים): והנה בר"ה הוא יום בריאה של העולמות מחדש. וכפי מה שאדם מקדש ומטהר א"ע שיהא דיבורו יוצא בקדושה ובטהרה בפיו ובלבבו לעשותו. כן ממשיך עליו שפע וברכה וחיים על כל השנה על כל ב"ב ועל כל העולמות כולם שהם יתחדשו ע"י שהקב"ה נמלך בנשמותיהן של צדיקים. וזהו ענין הנסירה שבר"ה התחדשות ובריאת המוחין חדשים. וא"א כ"א ע"י נסירה שהוא להסיר לבו מכל השכלים שהוא ל"ב נתיבות החכמה המשפיעים ללב והוא הדורמיטא ושיצעקו אל י"י למעלה מן כל השכליים שהוא עושי דברו לעשות את הדיבור מחדש. ואח"כ לשמוע בקול דברו שהוא שמיעת קול שופר. וכתקוע שופר תשמעו. כמו שהוא תוקע כן ישמע כי י"י בקול שופר. ר"ל השי"ת שורה בקול השופר והבן.

גויים פארשעמען דיר, דו ביסט גרייט אלעס סובל צו זיין, זאגן מיר דיר: "למענינו" – טו דאס פאר אונז, ווייל מיר קענען נישט סובל זיין דאס וואס מען פארשוועכט דיין נאמען, אויב אזוי לייז אונז אויס[יט].

## - כ -

**לעבן מיט שמחה און בטחון – דער אויבערשטער**

**פארשטייט בעסער פון מיר וואס איז גוט פאר מיר!**

פאלגנד איז א בריוו פון הרה"ק מוהרשד"י פון סלאנים זי"ע הי"ד [א זון פונעם בית אברהם] וואס איז מלא חיזוק וויאזוי דורכצוגיין שווערע מצבים:

נאך דיינע אלע אפרעדענישן זאלסטו אבער וויסן, אז דער פסוק זאגט (איכה ג, לט): "מה יתאונן אדם חי" [וואס קען זיך א מענטש אפרעדן, אויב לעבט ער איז שוין געננוג], די כוונה פון דעם ווארט "חי" איז 'לעבעדיג', 'פרייליך', ווייל א מענטש וואס איז לעבעדיג און פרייליך רעדט זיך קיינמאל נישט אפ.

דאס איז א גוטע עצה פאר אלע וואס רעדן זיך אפ אויף פראבלעמען, ווייל דער ענין פון זיך אפרעדן קומט פון ספיקות, און ספיקות קומט פון מרה שחורה, אויב א מענטש שטארקט זיך אבער מיט שמחה און בטחון, ווערן אלע ספיקות און אפרעדענישן בטל ומבוטל.

---

[יט] עירין קדישין החדש (לסליחות): עשה למענך אם לא למעננו. כלומר עשה למענך וגאלנו כי למה יאמרו הגוים וגו' (תהלים ע"ט י'), 'אם לא', כלומר אם תאמר שאתה סבלן ותוכל לסבול עליך מה שאומרים עליך, אזי 'למעננו' עשה כי אין אנו יכולים לסבול עלינו מה שאומרים עליך, וד"ל.

# דברי חיזוק פון אונזערע צדיקים

נצבים – וילך

דער הייליגער תולדות ברענגט בשם דעם הייליגן בעל שם טוב זי"ע, אז אלע נסיונות בגשמיות וברוחניות קומען בלויז פון דעם וואס מען פארגעסט אז דער אויבערשטער פירט אלעס, אבער תיכף ווען מען דערמאנט זיך, אז דער אויבערשטער פירט אלעס, ווערן אויטאמאטיש בטל אלע כוחות הרע.

באמת ווען מען איז זיך מתבונן, וועט מען זען, אז ס'איז נישטא קיין שום שמחה, נאר די שמחה פון 'ישמחו במלכותך', זיך צו פרייען מיטן אויבערשטן.

די איינציגסטע עצה איז, צו בעטן פונעם אויבערשטן: "רבונו של עולם, פיר מיר אויפן אמת'דיגן וועג וואס איז גוט און ריכטיג אין דיינע אויגן".

דאס איז צוגעגליכן צו איינער וואס האט אן אמת'ן גוטן פריינט, וואס ער איז זיכער אז ער וויל נאר זיין גוטס, און אויב זעט ער אמאל אז יענער טוט אים עפעס וואס זעט אויס נישט גוט, פארשטייט ער, אז דאס איז אויך זיכער פאר זיין טובה, נאר צוליב זיין קליינעם שכל פארשטייט ער דאס נישט, פונקט אזוי דארפן מיר טראכטן אויף אלעס וואס דער אויבערשטער טוט מיט אונז. און ס'איז נישטא קיין שום עצה, נאר זיך צו פארזיכערן אינעם אויבערשטן.

מיין הייליגער טאטע [דער בית אברהם] פלעגט שטענדיג חזר'ן דעם טייטש אויפן פסוק (בראשית מה, ה): "ועתה אל תעצבו ואל יחר בעיניכם" – זייט נישט טרויעריג און פארביטערט, "כי למחיה" – נאר איר זאלט זיין בלויז לעבעדיג און פרייליך, און דורכדעם וועט דער אויבערשטער העלפן.

דער עיקר איז גאר וויכטיג צו וויסן, אז מען זאל זיך נישט שעמען צו בעטן פונעם אויבערשטן אויף אלעס וואס דער מענטש דארף, פונקט ווי א קינד בעט זיין טאטן אויף יעדע קלייניקייט. עס ווערט געברענגט א זיסע טייטש אין ספר 'כתבי ר' משה

מידנער' בשם הרה"ק רבי מרדכי לעכעוויטשער זי"ע אויף דעם מאמר חז"ל (ויקרא רבה י, ה): "תפילה עושה מחצה", אז תפילה מאכט ("עושה"), און דאס העלפט ("מחצה")[כ].

## - כא -

### חודש אלול איז א מתנה, א צייט זיך צו קענען גרייטן פאר ראש השנה

דער הייליגער חידושי הרי"ם זי"ע, זאגט: חודש אלול איז א גוטע מתנה וואס דער אויבערשטער האט אונז געגעבן, א חודש זיך צו קענען אנגרייטן צו ראש השנה.

---

[כ] וזל"ק (זכרון קדוש, מכתב יט): מכתבך קיבלתי. ואחר כל ההתאוננות מה יתאונן אדם חי דיו שהוא חי, היינו יכול להיות כשהוא חי לעבעדיק פריילאך, ולפע"ד זה עצה טובה למתאונן כי באמת זה נמשך מהספיקות והספיקות ממר"ש וכשמתחזק בשמחה ובבטחון כי בך ארוץ גדוד ובאלהי אדלג שו"ר אז הרים כדונג נמסו מלפני ה' מלפני אדון כל הארץ. וזה מובא כמדומה בתולדות בשם הבעשה"ק זי"ע, שכל הנסיונות בגו"נ הכל מהשכחה שהשי"ת הוא אדון כל המעשים, אבל כשנזכרים שהשי"ת מהוה את הכל מיד נתפרדו כל פועלי און. ובאמת כשמתבוננים ובפרט לאנשים שנתגדלו על מפתני צדיקים אין שמחה רק מישמחו במלכותך, כי התבונן בעצמך וכו'. והעצה רק לבקש מהשי"ת, רבש"ע, הנחני בדרך אמת הטוב והישר לפניך, כמו מי שיש לו אוהב נאמן ובטוח שיודע שמבקש רק טובתו, ואם עושה לו פעם אחרת, ג"כ מבין שזה לרפואתו רק קוצר דעתי גרמה לי זאת ואני בער ולא אדע, וע"ז אנו מתפללין האר פניך ונוושעה, רק נבהלה נפשינו מרוב עצבונינו, ואין עצה רק לבטוח בה', וכמרגלא בפומי' דאאמו"ר הקוה"ט זי"ע ועתה אל תעצבו ואל יחר בעיניכם כי למחיה זיין לעבעדיק אין פריילאך ולה' הישועה. והעיקר שלא להתבייש ולבקש מהשי"ת על כל דבר, כמו תינוק מאביו, וכדאיתא בכתבי הרמ"מ ז"ל בשם הר"מ מלעכעוויץ זי"ע בדרך צחות: תפילה עושה מחצה עס מאכט עס העלפט.

דאס איז געגליכן צו א מיליטער וואס גייט ארויס אין מלחמה, וואס דאן איז נישטא קיין צייט זיך אנצוגרייטן, און זיך צו לערנען וויאזוי צו פירן די מלחמה, דעמאלטס דארף מען שוין בלויז נעמען דאס געוועהר אין די הענט און שיסן צום שונא, אלע הכנות דארף מען טון פאר די מלחמה. דאס זעלבע, ראש השנה איז א 'יום הדין', דעמאלטס איז שוין נישטא קיין צייט פאר קיין הכנות, דעריבער האט מען אונז געגעבן דעם הייליגן חודש אלול, זיך צו קענען אנגרייטן ווי ס'דארף צו זיין[כא].

## - כב -

**לויט וויפיל א מענטש אנערקענט אין זיין שפלות -**

**איז ער זוכה דערנענטערט צו ווערן צום אויבערשטן**

דער הייליגער **שפת אמת** זי"ע ברענגט בשם זיין הייליגן זיידן דער חידושי הרי"ם זי"ע, אז דאס ווארט 'אלול' איז צוזאמגעשטעלט פון די ווערטער 'לא' און 'לו'. די צוויי ווערטער זענען דער 'קרי' און דער 'כתיב' פונעם פסוק (תהילים ק, ג): "ולו אנחנו", וואס דער 'כתיב' איז: "לא אנחנו" [מיר זענען נישט], און דער 'קרי' איז: "לו אנחנו" [מיר געהערן צו אים – צום אויבערשטן].

די טיפע כוונה דערפון איז, אז וויפיל א מענטש אנערקענט אז "**לא אנחנו**" – מיר זענען גארנישט מיט נישט, אזויפיל איז ער זוכה צו "**לו אנחנו**" – צו געהערן צום

---

[כא] וזל"ק (חידושי הרי"ם, לחודש אלול): חודש אלול הוא מתנה טובה חודש ההכנה משל למה הדבר דומה לצבא היוצא למלחמה אין לו זמן להכנות ולמפגנים עליו לקחת הנשק ביד ולירות, ההכנות צריכות להיות לפני המלחמה כן הוא בראש השנה יום הדין אז אין זמן להכנות ולכן ניתנה מתנה של חודש אלול להכנות.

אויבערשטן, ווייל דער אויבערשטער קען נישט רוען אינאיינעם מיט א בעל גאוה (סוטה ה.), נאר לויט וויפיל א מענטש איז זיך מבטל, ער האלט פון זיך גארנישט, אזויפיל איז ער זוכה צו ווערן דערנענטערט צום אויבערשטן, און צו השראת השכינה. אט דאס איז די עבודה פון חודש אלו"ל[כב].

---

[כב] וזל"ק (שפת אמת, לחודש אלול, שנת תרמ"ב): מו"ז ז"ל אמר רמז על אלול לא אנחנו (תהלים ק ג) הקרי והכתיב על ידי שלא אנחנו ומבטלים עצמינו לכן לו אנחנו. עמו וצאן מרעיתו שאמרו (ר"ה ב א), אחד באלול ראש השנה למעשר בהמה עכ"ד ז"ל.